# משיחת אחרון של פסח תשל״ו

יו"ד. ס׳איז דאך רגיל בכל שנה ושנה אז מ׳זאגט אן עניין אלם השתתפות אין דעם כינוס תורה וואס מ׳מאכט נאך יו"ט, ועד"ז בשנה זו איז דאך דער כינוס תורה ביום ראשון, נאך ש"ק, וועט מען זאגן אן עניין וואס איז פארבונדן סיי מיט נגלה און סיי מיט חסידות (כדלקמן), ובפרט אז ס׳זיינען נאך געבליבן ענינים וואס מ׳האט ניט גערעדט י"א ניסן.

וואס דאס איז אן עניין שהזמן גרמא: דאס איז קשור מיט שש"פ און אחש"פ; מיט הבדלה וואס מ׳וועט מאכן נאך מעריב; פארבונדן מיט זמן חירותינו בכלל; און אויך מיט יום הולדת.

— וואס —

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל״ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 117 הודפס ע״י או

וואס די נקודה המשותפת בכל זה - איז פארבונדן מיט די שיטה פון אלטן רבי'ן וואס עד עתה האב איך ניט געפונען מ'זאל זיך שטעלן אויף דעם.

וואס דאס איז: די מצוה פון אכילת מצה איז דאך פארבונדן מיט אן ענין שלילי, דער איסור וואס קומט ארויס דערפון, וואס דאס איז דער איסור פון אכילת חמץ, וואס דער איסור איז דאך פארבונדן מיט זמן אזוי ווי די מצוה שבדבר, וואס דא ווערט די שאלה צי אן איסור וואס איז פארבונדן מיט זמן איז א איסור חפצא אדער א איסור גברא.

מ'קען זאגן אז בכל השנה איז דאס א חפץ מותר, און בימים אלו ווערט דאס א חפץ אסור; אבער ס'לייגט זיך מער איז שכל צו זאגן אז אין דעם חפץ איז ניטא קיין שינויים: אויב דאס איז א חפץ אסור, וואלט דאס געדארפט זיין אסור בכל השנה, און וויבאלד אז ס'איז דא א זמן אין יאר וואס דעמאלט איז דאס מותר, איז דאס א סימן אז בימי איסורו איז אויך דער חפץ א חפץ מותר, ס'איז מערניט וואס בימים אלו איז דא א איסור אויף דעם גברא ער זאל דאס ניט עסן. און ע"ד ווי דאס איז בנוגע צו איסור אכילה איז דא די זעלבע חקירה אויך אין אנדערע איסורים זמניים.

און ע"ד ווי די חקירה בנוגע צו איסורים זמניים דאורייתא, איז אויך דא די זעלבע חקירה בנוגע צו איסורים דרבנן בכלל (וואס דאס איז דער קשר מיט יו"ט שני של גליות) - וואס אין דעם איז די שקו"ט צו די רבנן האבן בכח צו משנה זיין א חפץ המותר, ער זאל ווערן א חפץ אסור, און זיי זיינען מאקע משנה אים, אדער די שליטה פון מאן כלבי רבנן איז נאר בנוגע צו אידן, אז זיי קענען מאכן אז בשעת ס'קומט א געוויסער זמן אדער ענין, טאר דאס א איד ניט טאן - אע"פ אז מן התורה איז דאס מותר. *)

עד"ז איז דא די חקירה בנוגע א דבר שאינו שוה לכל נפש, וואס דארטן איז אויך דא אן ארט אין שכל צו זאגן, אז אויב דער חפץ וואלט געווען אסור, וואלט דאס געווען אסור לכל, און וויבאלד אז מיר זען אז לכל איז דאס מותר, איז דערפון מוכח אז מצ"ע איז דער חפץ אליין א חפץ המותר, נאר ס'איז בלויז דא אן אדם אין א מצב מסוים נידעריקער אדער העכער וכו', איז דא אויף אים א ציווי ער זאל דאס ניט טאן.

וע"ד ווי דער ענין פון אכילת תרומה לזר, וואס דאס איז דאך א דבר שאינו שוה בכל, איז אויב מ'וואלט זאגן אז דער איסור אכילה איז מצד די קדושה, ד.ה. אז דאס איז א דין אין דעם חפץ, וואלט דאך אויך דער כהן ניט געטארט עסן דאס, און וויבאלד אז מיר זען אז א כהן מעג (און נאכמער: ער דארף) דאס עסן, איז דערפון מוכח אז דער איסור אכילה לזר, איז א איסור גברא.

עד"ז איז אין די ענינים וואס שויא אנפשי' חתיכה דאיסורא, אדער אנדערע ענינים וואס אינו שוה לכל, וואס אפי' אויב מ'וועט זאגן אז ער האט בכח צו אסר'ן דעם חפץ, וויבאלד אבער אז דאס איז אינו שוה לכל, איז א שאלה צי דאס איז אן איסור גברא, אדער אויך אן איסור חפצא, ד.ה. אז די תורה האט געגעבן דעם כח צו משנה זיין דעם גוף החפץ - ביחס אליו.

- וואס -

---

*) הכוונה בזה - ראה שיחת ש"פ אחרי, מבה"ח אייר ש.ז. כ"ה.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 118 הודפס ע"י או

וואס דאס איז ווי דער ענין איז מצד נגלה, און ס'איז דאך דא די ראי' הידועה וואס מ'ברענגט אין אחרונים פון אן ענין וואס איז קשור מיט זמן חירותינו, וואס דאס ברענגט ר"י ענגיל אין אתוון דאורייתא (כלל יו"ד) און אין בית האוצר (כלל קכה, קכז) און נאך אחרונים. (וראה ג"כ צפע"נ על הרמב"ם הל' תו"מ פ"א ה"ו),

- בכלל איז א פלא וואס מ'האט ניט מבחין געווען אז דער ראגאטשאווער מיט ר"י ענגיל, איז בכללות גלייכן זיי זיך אויס אין זייערע שיטות אין לערנען, ס'איז טאקע דא צוויי חילוקים כלליים צווישן זיי: א) דער ראגאטשאווער שרייבט מער בקיצור, און ער שרייבט באופן כללי ביותר; ער גיט ארויס כללים אויף כל התורה כולה, משא"כ ר"י ענגיל שרייבט טאקע אויף א ברייטן אופן, אבער ניט מיט די ברייטקייט פון דעם ראגאטשאווער,

ב) ביים ראגאטשאווער געפינט מען א סאך חידושים, משא"כ ביי ר"י ענגיל, איז אע"פ אז ס'איז א ודאי דא ביי אים חידושים, אבער חידושים פון נייע ענינים און גדרים ומושגים מיוחדים, אזוי ווי ביים ראגאטשאווער, האב איך לעת עתה ניט געפונען.

צוזאמען דערמיט געפינט מען אבער נקודות משותפות צווישן זיי, אז ביידע זוכן דעם ענין כללי וגדר כללי וואס מ'קען געפינען אין כמה ענינים אין תורה און אפי' פון ממונא אויף איסורא, אדער פון אגדה אויף הלכה, וואס דער ענין איז דא ביי ביידן -

ברענגט ער דארטן די ראי' פון דעם וואס דער ירושלמי (שבת פי"ג ה"ג) זאגט אז מצה גזולה איננו יוצא בה ידי חובתו בפסח, משא"כ הקורע בשבת (על מתו ר"ל) איז ער יוצא ידי תובתו. וואס דא ווערט לכאו' די שאלה וואס איז דער תילוק צווישן שבת און גזל; ביידע זיינען דאך איסורים דאורייתא, און אויף דעם איז דער ביאור אז "תמן", ביי מצה גזולה איז "גופא עבירה, ברם הכא - ביי קריעה בשבת איז - הוא עבר עבירה".

וואס דערפון זעט מען דאך אז אן איסור התלוי בזמן, אזוי ווי איסור קריעה בשבת וואס איז קשור מיט זמן פון שבת, איז נאר אויף'ן גברא, און ניט אויף מלאכת הקריעה לכשעצמה, ועאכו"כ ניט אויף'ן בגד גופא - און דערפון איז די הוכחה בנוגע צו אלע איסורים זמניים, אז זיי זיינען נאר אויף'ן גברא און ניט אויף'ן חפצא.

וואס אויף די ראי' פון ירושלמי פרעגט מען, אז מ'מוז זאגן אז דער בבלי קריגט אויף דעם, וואס אויף דעם איז די ראי' פון דעם וואס די גמ' זאגט אין ברכות, בנוגע צו הבדלה, וואס ס'דארף דאך זיין א נר הבדלה (וואס דאס איז די שייכות צו הבדלה), דארף דאס זיין דוקא א נר ששבת (ברייתא ברכות נב, סע"ב), און אויף דעם זאגט די גמ' (שם) אז א נר וואס א נכרי האט אנגעצונדן שבת, איז א נר שלא שבת, און איז ניט כשר פאר הבדלה.

זאגט ר"י ענגיל, אז דערפון איז מוכח אז דער בבלי האלט אז דער איסור פון שבת איז אויך אן איסור אויף'ן חפצא, ווארום אויב מען וועט זאגן אז דאס איז נאר אן איסור על הגברא, איז ניט מובן פארוואס איז א נר שהדליקו עכו"ם - א נר שלא שבת; דער עכו"ם האט דאך ניט קיין איסור צו אנצינדן דעם נר, ואדרבה, גוי ששבת איז דאך חייב מיתה (סנהדרין נח,ב), און אויף'ן חפץ איז ניטא קיין איסור כמבואר לעיל מהירושלמי, איז אויב אזוי האט דאס געדארפט זיין א נר ששבת, און וויבאלד אז מיר זען אז לשיטת הבבלי איז דאס א נר שלא שבת, מוז מען זאגן אז דער בבלי קריגט

הנחת הת' בלתי מוגה - אויף -



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 119 הודפס ע"י או

אויף דעם ירושלמי, און ער האלט אז דאס איז א איסור חפצא, און דער כלל איז דאך, אז בבלי וירושלמי איז הלכה כבבלי, און ווי ער ברענגט דארטן נאך ראיות בנוגע צו איסורים התלויים בזמן אז דאס איז טאקע אן איסור חפצא, ווארום דער זמן פועל'ט א שינוי אין דעם חפץ אז ער אליין זאל ווערן א דבר האסור, ע"ד ווי הדלקת הנר בשבת.

וואס דאס איז אלץ בנוגע צו איסורים התלויים בזמן, עד"ז איז דאס אויך בנוגע צו איסורים דרבנן, וואס לכאו' איז דאס אויך אין דעם גדר פון איסורים התלויים בזמן, ווארום פאר דעם איסור דרבנן איז די זאך געווען א דבר המותר, און דערנאך האבן רבנן ארויף געלייגט א איסור אויף דער זאך, וואס דערפאר איז עפ"י הנ"ל איז איסורים התלויים בזמן זיינען איסור חפצא, קומט אויס אז אויך איסורים דרבנן זיינען איסור חפצא.

אוצר החכמה

וואס כל האמור לעיל איז ווי דער ענין איז אין נגלה. *) דערנאך קומט צו וואס ער זאגט אין עץ חיים און דער אלטער רבי ברענגט דאס אין תניא (ספ"ו), אז ענינים וואס זיינען אסורים אדער טמאים, זיינען מקבל חיותם פון גקה"ט, און די דברים המותרים זיינען מקבל חיותם פון ק"נ, און דערנאך איז דורך מעשה האדם זיינען זיי אדער עולה לקדושה אדער יורד אין ג' קליפות הטמאות (תניא פ"ז), וואס דאס איז תלוי אין דעם "ובחרת" פון דעם אדם.

וואס עפי"ז איז לכאו' א ראי' צו דער דיעה וואס האלט אז איסורים זמניים זיינען איסורי גברא, ווארום ס'איז שווער צו זאגן אז א גאנץ יאר קריגט ער חיות פון נוגה, און במשך א געוויסע צייט, לדוגמא: חמץ במשך שבעה ימי הפסח, איז ער מקבל חיותו פון גקה"ט, ווארום דאס איז א דבר שאין מסתבר לומר כן.

נאכמער: ער איז מוסיף אין תניא אז <u>קיום</u> גופם איז פון גקה"ט, און ניט נאר די חיות, וואס בנוגע די חיות זאגט מען דאך אז המחדש בטובו בכל יום תמיד מע"ב, קען מען זאגן בדוחק עכ"פ אז וויבאלד אז מ'דארף סיי ווי האבן א חיות חדש, איז פריער איז דאס געווען פון דא, און דערנאך ווערט דאס ממקום אחר. אבער בנוגע צו קיום גופם, וואס דאס רעדט זיך דאך וועגן די עצם הבריאה פון זיין גוף, וואס דעם גוף האט מען באשאפן איין מאל, אדער פון ק"נ אדער פון גקה"ט, און אויב מ'זאגט אז עס איז דא א זמן במשך השנה וואס דעמאלט איז דאס מותר, איז דערפון מוכח אז ער איז ניט באשאפן דורך גקה"ט, קומט דאך אויס אז דאס איז א איסור גברא. וואס עד כאן איז די ראי' ווי די איז פון דעם ע"ח.

אבער דער אלטער רבי איז מוסיף אין תניא [וואו ער איז מבאר אז ניט נאר דער כח פון דעם אדם העושה איז פארבונדן מיט גקה"ט, נאר אויך די זאך מיט וועלכע מ'טוט די עבירה איז אויך יורד און מקבל חיות פון גקה"ט], "ואפי' הוא איסור דרבנן" (פ"ח).

- וואס בכלל איז דער אלטער רבי אין תניא ניט מדייק צו זאגן אז דאס איז א איסור דאורייתא אדער דרבנן, נאר אויב ער וויל מחלק זיין ביניהם, משא"כ ווען ער רעדט וועגן מאכלות אסורות איז ער מוסיף ואפי' איסורים דרבנן -

וואס דער חידוש בזה איז, אז בנוגע איסורים דאורייתא קען מען זאגן אז דער חפץ איז מקבל חיות פון גקה"ט, ווארום תורה זאגט דאך אז אזוי האט אים דער אויבערשטער באשאפן.

- משא"כ -

---

*) בהבא לקמן - לשלימות הענין - ראה שיחת ש"פ אחרי, וש"פ קדושים ש.ז.

<u>הנחת הח' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 120 הודפס ע"י או

משא"כ בנוגע צו איסורים דרבנן איז פאר דעם איסור האט די זאך מקבל געווען איר חיות וקיום הגוף פון ק"נ, און דערנאך דורך דעם איסור וואס רבנן מאכן אויף דער זאך איז דאס מקבל חיות פון גקה"ט, וואס דאס איז דאך א שינוי אין בריאה, און לכאורה איז ניטא קיין הסבר פארוואס דארפן זיי דאס מאכן; זיי ווילן דאך נאר מאכן א סיג ומשמרת למשמרת וכו׳, איז דאך אויף דעם גענוג אויך אן איסור גברא, און דאס איז דער אויפטו פון דעם אלטן רבי׳ן אז אפילו איסורים דרבנן זיינען אויך מקבל חיותם פון גקה"ט, וואס דערפון איז מוכח אז אויך איסורים דרבנן זיינען איסור חפצא.

און דערפאר איז ער מוסיף: וחמורים דברי סופרים יותר מדברי תורה. וואס לכאורה איז דורש ביאור וואס דארף מען דא אנקומען צו א מעלה אין דברי סופרים אויף דברי תורה; ס׳איז גענוג אז זיי זיינען כדברי תורה?

נאר דערמיט איז ער מבאר דעם טעם אויף דעם וואס ער זאגט פריער: די איסורים מה"ת זיינען דאך בלויז א גילוי מילתא; תורה איז מגלה אז די זאך איז מקבל חיותה פון גקה"ט. משא"כ רבנן זיינען ניט מגלה אז אזוי איז דאס, נאר זיי זאגן אז פאר דעם איסור - ווי דער אויבערשטער האט באשאפן די זאך - האט זי מקבל געווען חיותה פון ק"נ, און זיי טוען אויף אז מכאן ולהבא זאל דאס מקבל זיין חיות פון גקה"ט לגמרי.

וואס דערפאר זאגט ער חמורים דברי סופרים יותר מדברי תורה, וואס דערפאר האבן זיי א כח צו מאכן מערער ווי אן איסור תורה; וואס ער איז דאך בלויז מגלה ווי די בריאה איז, משא"כ רבנן זיינען משנה די בריאה, און זיי לייגן ארויף אן איסור אויף גוף החפצא, וואס דאס איז די שיטה פון דעם אלטן רבי׳ן.

- די אחרונים זיינען מאריך (ראה מפענ"צ קונ׳ מאה סברות בתחלתו) אז איסורים דרבנן זיינען נאר איסורי גברא, און דער חפץ אליין איז מותר, און מ׳ברייננגט אויף דעם די ראי׳ פון דעם וואס דער רמב"ם שרייבט אין הל׳ מכירה (ס"פ ט"ז) אז אויב איינער פארקויפט דעם צווייטן א דבר האסור מה"ת איז אפילו אויב ער האט דאס אויפגעגעסן, דארף דער מוכר צוריק געבן די געלט, "אבל המוכר דבר לחבירו שאיסור אכילתו מדברי סופרים.. אם אכלן אכל ואין המוכר מחזיר לו כלום".

איז מבאר דער סמ"ע (חו"מ סי׳ רל"ד סק"ד) אז אעפ"י וואס ער האט די זאך געגעסן, וויבאלד אז דאס איז אן איסור דאורייתא, האט ער ניט אין דעדויף קיין טעם, וואס דערפאר דארף דער מוכר צוריקגעבן די געלט, ווייל ניט אויף דעם האט דער לוקח געגעבן געלט, משא"כ אן איסור דרבנן.

וכמבואר באחרונים (נתה"מ שם) אז וויבאלד אז דא רעדט זיך וועגן א שוגג, און דער חפץ מצ"ע איז א חפץ המותר, ווייל דער איסור איז נאד על האדם, און בא שוגג איז בכלל קיין איסור ניטא, ווארום דער גאנצער איסור וואס די רבנן האבן אויף אים ארויפגעלייגט איז נאר א גזירה כדי ער זאל ניט נכשל ווערן אין א דאורייתא, וואס דאס איז שייך נאר בא מזיד, אבער בשוגג איז ניט שייך צו זאגן אז וויבאלד ער האט געגעסן בשוגג אן איסור דרבנן, וועט ער עסן אויך אן איסור דאורייתא, איז וויבאלד אז דא רעדט זיך וועגן אן איסור דרבנן, וואס ער האט אים געגעסן ווייל ער האט ניט געוואוסט - בלא הודע, און ער האט הנאה געהאט דערפון, דערפאר דארף דער מוכר ניט אפגעבן צוריק די געלט, ווארום די זאך מצ"ע איז דאך א דבר המותר, און די אכילה איז דאך געווען בשוגג כנ"ל. וואס דערפון זעט מען אז אן איסוד דרבנן איז נאר אן איסור גברא.

- דער -

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>



אוצר החכמה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 121 הודפס ע"י או

דער אלטער רבי שרייבט אבער בפירוש אז אויך אויב אכל בלא הודע איסורים דרבנן איז דאס אויך גקה"ט. דארף מען זאגן אז ער קריגט אויף'ן סמ"ע (לפי ביאור הנתה"מ).

ס'איז אבער קיין ראי' ניט דערפון וואס ער איז כולל שוגג אז ער האלט אז איסורי דרבנן זיינען איסורי חפצא, ווארום אויף דעם קען מען ענטפערן בדוחק עפ"י המבואר באגה"ק (סו"ס כ"ח), וואס באמת איז דאס א רש"י אין שבועות (ב, ב ד"ה כל השעירים) אז שעירים זיינען מכפר אויף שוגג, ווייל שוגג דארף אויך האבן א כפרה.

וואס לכאורה וויבאלד אז דאס איז געווען אן כוונה, ווייל לא ידע; וואס בנוגע צו קרבן פסח זאגט מען (פסחים צו, א) אז מ'דארף דאס בודק זיין פון א מום, אבער דאס איז דאך אלץ א זאך וואס ער האט געקענט בודק זיין, משא"כ בנוגע צו שוגג אז ער האט געמיינט אז דאס איז שומן, און דערנאך האט ער אויסגעפונען אז דאס איז חלב - און אעפ"כ זאגט מען אז בעי כפרה.

וואס דער ביאור בזה איז אז לא יאונה לצדיק כל און (משלי יב, כא), וואס דאס איז בדוגמא וואס די גמרא זאגט אז א ציג וואס שפרינגט אין פייער איז דאס ניט קיין נארמאלע ציג, ווייל אין פייער טאנצט ניט אריין אפי' א ציג - דאס איז זיין טבע, וואס עד"ז איז אויך בנוגע א אידן, אז אפי' בשוגג דארף ער ניט קענען טאן א דבר איסור.

וע"ד ווי ס'שטייט אין מדרש (מדרש תהילים ספע"ג. ילקו"ש רמז שטז) אז לעתיד לבוא וועט וועט א איד וועט צוגיין צו א תמרה של ערלה, אדער בשבת, וועט די תמרה שרייען אל תגע בי.

[וואס בדרך אגב איז דערפון א הוכחה אז איסורים זמניים זיינען איסורי חפצא, ווארום לכאו' אויב דער חפץ איז א חפץ המותר, איז וואס דארף ער שרייען מ'זאל אים ניט אנרירן, ס'איז דאך דעם גברא'ס אן ענין, און דער דין פון לפני עור, איז אפי' בא בני נח ניטא דער דין פון לפני עור לכמה שיטות (ראה ע"ז טו, ב תוד"ה לעכו"ם), ועאכו"כ בא צומח].

אבער פון דעם וואס ער זאגט אז דאס איז גקה"ט, האט מען ארוים די שיטה פון אלטן רבין, אז אע"פ אז ס'איז דא אין דעם ענין ראיות מכ"מ, און ווי דער ראגאטשאווער שרייבט (הובא במפענ"צ שם) אז ס'איז דא כמאה סתירות בש"ס צי איסורים דרבנן זיינען איסורי גברא אדער איסורי חפצא, און אעפי"כ זאגט דער אלטער רבי בפשטות, אז אויך איסורים דרבנן זיינען פארבונדן מיט גקה"ט. לגמרי.

און דאס וואס מ'ברענגט ראיות פון ש"ס אז דאס איז איסור גברא, וועט מען דאס פארשטיין פון א יתור לשון אין תניא: אין פ"ז זאגט ער אז ע"י אכילת מאכלי היתר למלאות תאות גופו איז יורד חיות הבשר והייך שבקרבו וכלל לפי שעה ברע גמור שבשלש קליפות הטמאות. וואס לכאו' איז ניט פארשטאנדיק וואס וויל ער זאגן מיטן ווארט "שבקרבו"?

והביאור בזה: מיט דעם וויל ער מבאר זיין ווי אזוי ווערט חפצא וואס די איז א דבר המותר - א דבר וואס איז מקבל חיות פון גקה"ט, וואס דאס איז ער מבאר דורך דעם וואס ער איז מוסיף "בקרבו":

וויבאלד אז דער חפץ ווערט בקרבו איז ניט דער טייטש אז דער חפץ בלייבט ווי ער איז געווען פריער, מערניט וואס דער גברא האט עובר געווען אן איסור וואס ער האט דאס געגעסן למלאות תאות נפשו, נאר דורך דעם וואס דאס ווערט "בקרבו", ווערט ער א בעה"ב אויף דערויף, און ער איז דאס מוריד פון ק"נ צו גקה"ט.

- [ע"ד -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 122 הודפס ע"י אוצ

[וע"ד ווי דאס איז בנוגע צו א בן סורר ומורה, אז ער דארף עסן בשר כשר וויין כשר, און אויב ניט האט ער ניט דעם דין פון א בן סורר ומורה (רמב"ם הל' ממרים פ"ז ה"ב), איז אע"פ אז דאס איז בשר כשר וויין כשר, אעפ"כ בשעת ער עסט דאס ווי א בן סורר ומורה - ווערט דאס בקרבו - ווערט דאס אן איסור שאין למטה ממנו, ביז אז ס'קומט פאר דערויף דער עונש הכי חמור, אע"פ אז דאס איז פאר בר מצוה].

ועד"ז קען מען זאגן בנוגע צו איסורים דרבנן, אז ס'קען גאר זיין אז מצ"ע איז דאס ניט קיין דבר האסור. מער ניט ווי אויף'ן גברא, אבער דורך דעם וואס דאס ווערט בקרבו (ד.ה. דורך פעולת האדם), פועל'ט ער דורך דעם אן איסור אויף'ן חפצא.

וואס דאס איז בדוגמת נדרים - וואס זיי זיינען דאך דוקא על החפץ - אז אויב דער חפץ איז ברשותו, קען ער אים אסר'ן אכו"ע ס'זאל ווערן א חפץ של איסור, וויבאלד אז דאס איז ברשותו (בקרבו). עד"ז איז דאס אויך בנוגע צו איסור ע"ז. עד"ז בנוגע צו מקדיש זיין א זאך, וואס ע"י ההקדש שלו אויף א דבר שברשותו, ווערט דער חפץ עצמו א קדוש.

וואס דאס איז דאך אויך דער ביאור דער ביאור ווי קען זיין אז רבנן האבן בכח צו משנה זיין דעם חפץ, וואס דאס איז בדוגמת א נדר, וואס דער חילוק צווישן א נדר און א שבועה איז, אז א נדר פועל'ט אויף דעם חפץ אליין, אז פריער איז דאס געווען א דבר המותר, און בשעת דאס איז ברשותו, קען ער דאס אסר'ן אכו"ע. עד"ז בנוגע צו הקדש, אז פריער איז די בהמה געווען חולין, און ווען א זר וואלט דאס דעמולט געגעסן, וואלט ער דאס ניט מוריד געווען אין גקה"ט, איז דורך דעם וואס ער איז דאס מקדיש, ווערט א שינוי אין דעם חפץ, אז דאס ווערט אן ענין של הקדש.

וואס לפי דיוק הנ"ל וועט מען אויך פארשטיין א דבר פלא בנוגע צו תרומה לזר. וואס בכלל איז דאך דאס א דבר קדוש, און אז א זר עסט דאס, ווערט דאס בקה"ט לגמרי.

וואס דער ביאור בזה איז כנ"ל, אז דאס איז דורך דעם וואס דאס ווערט בקרבו, ובמכ"ש וק"ו פון זיך אליין: מה-דאך זיין נפש האלקית וואס זי איז א חלק אלוקה ממעל ממש, און דורך דעם וואס ער טוט היפך הרצוי איז ער מוריד ראשו של מלך אין א בית הכסא רח"ל (תניא פכ"ד), עאכו"כ בנוגע צו א חפץ וואס געפינט זיך ברשותו.

וואס דאס איז דערפאר וואס א איד איז זיין נפש א נפש קדושה, און אפילו זיין גוף איז דאך אויך א גוף קדוש - וואס דערפאר איז דארטן שייך דער ענין פון טומאה, משא"כ א גוי איז ניט שייך ביי אים קיין טומאה. וואס די הסברה בזה איז אז היא הנותנת; וויבאלד ער איז ניט אין דעם גדר פון קדושה, איז ער אויך ניט אין דעם גדר פון טומאה וטהרה, משא"כ א איד וואס ער איז א קדוש, דערפאר איז ביי אים דא די גדדים פון טומאה וטהרה, כמבואר אין פוסקים (רמב"ם הל' טומאת מת פ"א ה"ג ובנו"כ שם, ראב"ד הל' אבות הטומאה פ"ב ה"י).

וואס דאס איז דער כוח פון א פעולת האדם, אז ער האט בכח צו מאכן פון חולין - קדשים, ביז קודש הקדשים וואס דאס איז די קדושה הכי עליונה, ווי מ'זעט אין דעם ענין פון קטורת, אז מ'האט דאס געגומען דוקא פון חולין, און ניט פון קדשים, און דורך פעולת האדם אין דערויף, ווערט דאס אן ענין של קדושה.

- בנוגע -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 123 הודפס ע"י או

בנוגע לעניין הנ"ל איז דא נאך א שאלה:

א קטן איז דאך איננו מחוייב במצוות, און אילולי דעם חיוב פון חינוך וואס איז דא על האב מעג ער עסן אויך מאכלות אסורות, און מה"ת איז דאס מותר.

וואס מ'קען ניט זאגן אז ס'ווערט גקה"ט, ווייל ער איז דאך א"גוי קדוש" משעה שנולד, און בפרט בשעת המילה וואס דעמולט איז ער נכנס בבריתו של אאע"ה, וואס דאס איז דאך א ברית עולם - ווערט ער א קדוש, און אעפי"כ מעג ער דאס עסן.

נאכמער: דער רמב"ם (הל' ת"ת פ"א ה"ג) זאגט אז דער בן האט א חיוב מה"ת לערנען תורה משיכיר, און דער צ"צ איז מבאר (פסקי דינים חידושים על הרמב"ם ע' שלט) אז משיכיר איז אפילו פאר בר-מצוה, און ער מעג דאך עסן אויך מאכלות אסורות וואס זיינען מקבל חיות פון גקה"ט און ער איז לומד בכח האכילה ההיא, וואס עפי"ז איז דא א וועג בזה"ז צו מעלה זיין גקה"ט. וואס דאס איז דאך היפך פון דעם כלל אז עד עת קץ קען מען זיי ניט מעלה זיין, און נאר דעמולט וועט זיין דער ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ.

מ'קען ניט זאגן אז דאס איז ע"ד ווי תשובה מאהבה רבה, וואס עי"ז איז עולה אויך גקה"ט, אויך בזה"ז, איז דאך אבער דער טעם אויף דעם, ווי דער אלטער רבי זאגט אין תניא הואיל ועי"ז בא לאהבה רבה זו; האט דאך דאס דער אויבערשטער געמאכט אין אזא אופן אז א איד קען קומען צו אהבה רבה זו דוקא ע"י זדונות, איז הפה שאסר הוא הפה שהתיר, און אויב דאס ברייגגט צו תשובה מאהבה רבה, איז דאס עולה נאך פאר לע"ל.

אבער ביי א קטן קען מען אזוי ניט זאגן, ווארום די תורה וואס ער לערנט לכשיכיר איז ניט אין אזא געוואלדיקן אופן, און דאס איז ניט גדעסער ווי א גדול, און א גדול וואס איז לומד ומתפלל בכח האכילה ההיא איז דאס ניט עולה, און פארוואס ביי א קטן זאל דאס יע עולה זיין.

ס'איז דא אין דעם עניין נאך א גרעסערער פלא, וואס ס'איז דאך געווען א שינוי עיקרי אין מ"ת, וואס ביז דעמולט איז געווען מותר צו עסן אויך די מאכלות וואס זיינען אסור נאך מ"ת, ווייל זיי האבן דאך מקבל געווען חיותם פון ק"נ.

ואעפ"כ אז אברהם און יצחק ויעקב האבן מקיים געווען כל התורה כולה עד שלא ניתנה (נסמן בלקו"ש ח"ה ע' 266 הע' 20), אבער פון דער הפלאה גופא וואס די גמדא איז מפליא אז קיים א"א כו' איז מובן אז רוב בנ"י, עכ"פ א חלק גדול פון אידן האבן ניט מקיים געווען כה"ת כולה עד שלא ניתנה, וואס לפי"ז קומט דאך אויס אז זיי האבן געמעגט עסן און געגעסן דברים אסורים.

לאידך, זיינען דאך דא מצוות וואס אידן האבן געדארפט מקיים זיין פאר מ"ת, אזוי ווי מצות מילה; הקרבת קרבן פסח; מצוות שנצטוו במרה וכו', און זיי האבן דאס מקיים געווען בכח האכילה ההיא - במילא קומט דאך אויס אז זיי האבן מעלה געווען ענינים פון גקה"ט. *)

בנוגע צו די ענינים פון קדושה וואס זיינען געווען קודם מ"ת איז אויך דא אן עניין השייך להנ"ל, און דאס איז, אז מ'קען זאגן אז דאס וואס די אבות האבן מקיים געווען כה"ת כולה עד שלא ניתנה, איז דאס געווען נאר חיובי גברא, אבער אויף'ן חפצא האט דאס ניט געפועל'ט.

- וואס -

---

*) הביאור ע"ז ראה שיחת ש"פ אחרי מבה"ח אייר ש.ז. ס"ה.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 124 הודפס ע"י או

וואס דערביט וועט מען אויך פארשטיין פארוואס האט אברהם געזאגט צו אליעזר׳ן שים נא ידך תחת ירכי (חיי שרה כד, ב). וואס לכאו׳ איז דאס אן ענין פון היפך הצניעות, ובפרט לויט דעם וואס מ׳זאגט אויף רבינו הקדוש אז לא הכניס ידו תחת אבנטו (שבת קיח, ב), און אליעזר איז דאך געווען דער וואס איז משקה ודולה מתורת רבו כו׳, איז פארוואס האט ער געזאגט שים נא ידך תחת ירכי?

נאר דער ביאור אויף דעם איז: שבועה דארף דאך זיין בנקיטת חפץ - און וויבאלד אז די מצוות שקיימו האבות האבן ניט געפועל׳ט אויף׳ן חפצא, איז ניט געווען קיין חפץ קדוש וואס מ׳קען מיט אים מאכן א שבועה, איז וויבאלד ס׳איז ניט געווען קיין ברירה האט ער געזאגט שים נא ידך גו׳.

וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט דעם וואס ער זאגט אין דער הגדה "יכול מר"ח ת"ל ביום ההוא", דלכאורה וואס איז דא די הו"א?

נאר עפיהנ"ל יובן, ווארום ביז ר"ח ניסן זיינען אלע ענינים געווען נאר אויף׳ן גברא, און אויך עניני פסח וואס זיינען געווען בא לוט - ומצות אפה ויאכלו (וירא יט, ג ובפירש"י), און ביי אברהם׳ן (פירש"י שם יח, י) וכו׳, עד"ז די גדיי עזים וואס זיינען געווען בא יצחק׳ן וואס דאס איז געווען צוליב קרבן פסח (פירש"י תולדות כז, ט), וכמבואר בארוכה במ"א אז דאס איז ניט געווען קיין חפץ קדוש וכו׳,

און ווען האט זיך אויפגעטאן דער ענין אז דער גדי פון פסח זאל ווערן א חפץ של קדושה, איז דאס געווען בר"ח.

וואס דאס איז וואס מ׳זאגט אז דער אויפטו פון מ"ת איז ביטול הגזירה פון תחתונים לא יעלו למעלה ועליונים לא ירדו למטה (תנחומא וארא יד), וואס בלשון ישיבות איז דאס, אז לפני מ"ת איז דער תחתון געבליבן א תחתון, מ׳האט ניט געקענט מעלה זיין דעם חפצא, און ער איז געבליבן כבריתו, און דער שינוי איז חפץ ער זאל ווערן אן עליון, דאס האט זיך אויפגעטאן במ"ת.

[ועד"ז בנוגע צו הקדש צו נעמען א חפץ שברשותו און מאכן פון אים הקדש, דאס האט זיך אויפגעטאן נאך מ"ת. וכידוע די קושיא וואס מ׳פרעגט ווי אזוי האט געקענט זיין דער ענין פון נדר פאר מ"ת, דער אויפטו פון נדר איז דאך אז דער חפץ אליין ווערט נשתנה וכו׳, איז ווי געפינט מען דעם לשון פון נדר פאר מ"ת בא יעקב׳ן (ראה ג"כ פר"ד דרך האחרים ד"ג)].

וכמבואר אין חסידות דער חילוק פון קיום המצוות פאר מ"ת און נאך מ"ת, אז דאס וואס אברהם אבינו האט מקיים געווען די מצוה פון הכנסת אורחים וכו׳, און די עבודה פון יעקב מיט די מקלות, וואס דאס איז דאך געווען בדוגמא פון דעם ענין התפילין. האט דאס אבער ניט געפועל׳ט אין דעם גשם, ער האט טאקע אויפגעטאן למעלה, און מיט זיך, אבער גשמיות העולם איז ניט נשתנה געווארן, וואס דאס איז געווען דער אויפטו פון מ"ת.

און דאס איז וואס מ׳זאגט יכול מר"ח, אז וויבאלד אז עכ"פ בדיבור אין תורה איז בר"ח געווארן דער גדר פון קרבן פסח, וואס דעמולט איז דאך געווען דער ציווי אויף קרבן פסח, און דא רעדט מען דאך וועגן דעם והגדת לבנך - דער ענין הדיבור וועגן פסח, איז דערפאר דא אן ארט עפ"י תורה צו זאגן אז דאס קען זיין מר"ח, וואס ביז דעמולט איז די גאנצע מציאות פון פסח ניט געווען, ניט נאר די חפצא, נאר אויך דער חיוב בדיבור - דער ציווי, איז אויך ניט געווען. און בר"ח האט זיך אויפגעטאן דער ענין פון פסח בדיבור עכ"פ. און אפי׳ אז ביז י"ד איז נאך ניט געווען קיין מציאות גשמית פון א קרבן פסח, איז דאך דאס שוין געווען די מציאות אין תורה,

- וואס -

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל״ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 125 הודפס ע״י או

וואס דערפאר דארף מען האבן דעם לימוד מיוחד פון ביום ההוא.

אבער אין דעם גופא קען מען דאך זאגן אז דאס איז אויך מבעוד יום, ווייל דעמולט איז שוין דא דער גדר פון קרבן פסח אין גשמיות. וואס מבין הערביים איז שוין דא די עצם המציאות פון דעם קרבן כפשוטו, אבער פון אין דערפרי אן - פון דעם נץ החמה אדער פון עלות השחר - איז דעמולט ניט נאר לויט דעם דעת יחיד (זבחים יא, ב) אז אויב ער האט דעמולט מקריב געווען דעם פסח, האט ער יוצא געווען בדיעבד, איז דאך זיכער אז ס'איז דא די מציאות פון קרבן פסח, נאר אפי' לויט די וואס האלטן אז דאס איז נאר לאחר חצות (פסחים סא, א), איז שוין אבער דא די מציאות פון קרבן פסח, ביז אז דאס איז נוגע לדין, אז פסח בכל השנה שלמים הוא (פסחים סד, א), משא"כ ביום ארבעה עשר לפני חצות איז דאס ניט קיין שלמים, ד.ה. אז דאס וואס מ'קען דאס ניט מקריב זיין, נעמט דאס ניט צו דעם שם פסח, איז שוין דא די מציאות פון קרבן פסח אין וועלט.

וואס די הסברה בזה איז דאך, אז באמת איז דער ענין פון פסח שוין דא אויך לפני חצות, נאר מעדניט וואס צוליב א סיבה צדדית - ארי' הוא דרביע עלי' - וואס אל תשחט את הפסח ועדיין חמץ קיים, צוליב דעם קען מען אים ניט מקריב זיין לפועל.

און אין לאחר חצות גופא איז אויך דא חילוקים, ווארום מ'קען דאך ניט מקריב זיין דעם פסח לפני הקרבת התמיד, אבער דאס איז אויך אן ענין פון ארי הוא דרביע עלי'.

עכ"פ מהנ"ל איז מובן דער קס"ד פארוואס מבעוד יום, ווארום דעמולט האט זיך אויפגעטאן די חפצא פון קרבן פסח אין וועלט. איז אויף דעם ענטפערט מען בעבור זה לא אמרתי אלא בשעה שמצה ומרור מונחים לפניך.

וואס דא ווערט לכאורה די שאלה, וואס פאר א שייכות האט דאס מיט מצה ומרור, דא רעדט זיך דאך וועגן קרבן פסח, איז גלייך ווען ס'איז דא דער ענין פון פסח, און מ'איז אים מקריב - קען שוין זיין דער והגדת?

איז דער ביאור בזה לויט דעם וואב די משנה (פסחים עו, ב) זאגט אז הפסח לא בא מתחלתו אלא לאכילה, ד.ה. אז דער גאנצער תפקיד פון פסח איז דוקא וועו מ'עסט אים, און די תנאי האכילה זיינען דאך אז ס'זאל זיין מצה ומרור, דערפאר זאגט מען בשעה שמצה ומרור מונחים לפניך.

וע"ד המדובר לעיל בנוגע צו איסורים התלוים בזמן, עד"ז איז אויך בנוגע צו א יום הולדת, וואס א יום הולדת האט אין זיך כמה ענינים, בנוגע צו סו"מ וכו' כידוע דער פתגם פון כ"ק מו"ח אדמו"ר (היום יום ע' מד), איז דאך דאס בכלל אן ענין וואס איז פארבונדן מיט א יחיד; דאס איז אן ענין שאינו שוה בכל, אבער עי"ז וואס ער ניצט דאס אויס בשלימות, איז עי"ז וואס ער איז דאס משנה בקרבו, קען דער טאג ווערן א יום מיוחד, ביז אז דאס פועל'ט אויף אויף אנדערע.

ס'איז דא אזעלעכע וואס ברייננגן א ראי' אז איסורים דרבנן זיינען א איסור חפצא, ווארום מ'קען ניט זאגן אז א דרבנן זאל זיין ערגער ווי א דאורייתא, ווייל דער רמב"ם (ריש הל' ממרים) פסק'נט דאך אז א איסור דרבנן איז אויך אן ענין דאורייתא, מצד דעם ענין פון לא תסור, ווערט דאס א מ"ע און א ל"ת וכו'.

דער אמת איז אבער אז פון דארטן איז קיין הוכחה ניט, ווארום דאס איז פונקט ווי מ'זאגט אז ספיקא דאורייתא לחומרא און ספיקא דרבנן לקולא (ביצה ג, ב), איז דאך קיין קשיא ניט אויף דעם פון דעם רמב"ם הנ"ל, ווייל תורה האט אזוי איינגעשטעלט אז דאס איז ספיקא לחומרא, און דאס איז לקולא.

- אעפ"י -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 126 הודפס ע"י אוצ

אעפ"י אזביידע זיינען ענינים דאורייתא [וע"ד ווי מ'געפינט אז אעפ"י וואס טומאה איז מדאורייתא, איז ספק טומאה ברה"י איז טמא און ברה"ר טהור וכו' (סוטה כח, ב)],

איז עד"ז אויך בנוגע צו איסורים דרבנן, אז ס'קען זיין אז דאס איז טאקע אן איסור דאורייתא, אבער ס'איז אן איסור גברא.

עכ"פ בנוגע לעניניגו איז דער אלטער רבי מחדש דא א חידוש גדול, וואס כמדובר כמ"פ איז מפני גודל החידוש איז קיינער ניט משים לב דערצו.

וואס דאס איז בשעת ער רעדט אז גקה"ט האבן ניט קיין עלי' עד עת קץ, איז בשעת ער רעדט וועגן פעולת האדם, די מחדו"מ שלו, זאגט ער שס"ה מל"ת, אבער בשעת ער רעדט וועגן דעם קיום וחיות גופם זאגט ער דוקא מאכלות אסורות, וואס דא ווערט דאך די שאלה: ס'איז דאך דא כמה איסורים וואס זיינען ניט קשור מיט אכילה, אזוי ווי שעטנז וכלאים וכו', איז פארוואס כאפט ער אן דוקא איסורי אכילה?

וואס דער ביאור בזה איז ע"ד ווי מ'זאגט בנוגע צו דער עלי' פון ק"נ אז זי ווערט ע"י אכילה וכו', עד"ז אויך בנוגע דעם היפך אז בשעת ער עסט אויף דעם דבר האסור האט דאס שוין ניט קיין תקנה;

משא"כ לפני האכילה קען ער די זאך מעלה זיין דורך די הנאה אויב דאס איז מותר בהנאה, און ווי ער זאגט אין פל"ז אז ער איז מעלה אויך כלי תשמישו, וואס אין דעם איז דאך אויך נכלל ענינים אסורים אזוי ווי א חמור למשא, וואס ער איז דאך אסור באכילה, און אויב ער וואלט אים געגעסן וואלט ער ניט געהאט קיין עלי', אבער ע"י ההנאה בהיתר קען ער אים מעלה זיין, ועד"ז דורך דעם וואס מ'איז מקיים מיט אים די מצוה פון מנוחת שבת - למען ינוח שורך וחמורך.

עד"ז בשעת ער פארקויפט אים, און ער גיט אפ פון די געלט מעשר אדער חומש אויף צדקה, איז ער דאס מעלה, וויבאלד אז דאס איז מותר בהנאה, משא"כ בנוגע צו אכילה, וואס דאס איז אסור, קען ער דאס ניט מעלה זיין.

ויה"ר אז בקרוב ממש זאל זיין דער כימי צאתך מארמ"צ אראנו נפלאות, וואס דעמולט איז דאך געווען לא זכו, און דערפאר איז דאס ניט געווען א גאולה שלימה, וואס אעפ"י אז ס'איז געווען דער פסקה זוהמתן במ"ת (שבת קמו, א), איז דאך ניט געווען די גאולה בשלימות, זאל זיין דער אראנו נפלאות, ווי ער זאגט אין זוהר (ח"ג קעו, א) אז דאס זיינען נפלאות אויך בערך ימי צאתך, און ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ און אלע זאכן וועלן נתעלה ווערן אין קדושה, און די איבעריקע זאכן וועלן נתבטל ווערן.

און דעמולט וועט די עבודה זיין אין אן אופן פון עולה זיין נאך העכער וכו', בדוגמא ווי דער ענין פון טבילה וואס דאס שטעלט אים אריבער אין א מצב נעלה יותר, און ווי מ'זאגט בנוגע די חמש טבילות פון דעם כה"ג ביוהכ"פ, אז פון איין עבודה צו דער צווייטער דארף זיין טבילה - מלשון ביטול, א ביטול ממדרגתו הקודמת, בדוגמת ר"ז וואס צם מאה תעניתא כדי לשכוח תלמוד בבלי (ב"מ, פה, א) כדי ער זאל קענען לערנען תלמוד ירוש', וואס דער ענין פון תענית און בקשת רחמים איז דאך דער ענין הביטול, ד.ה. אז כדי צו עולה זיין אין א העכערע דרגא אין קדושה גופא, דארף זיין דער ענין הביטול.

און אזוי וועט אויך זיין די עבודה לע"ל, אין עליות אין קדושה גופא כמבואר באגה"ק, כן תהי' לנו בביאת משיח צדקנו.

- יא. מ'האט -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 127 הודפס ע"י או

# משיחת יום ב׳ דחג השבועות תשל״ו

ג. בהמשך צו דעם וואס מ'האט גערעדט ערב שבועות דעם סיום פון מסכת סוטה (וואס דאס איז פארבונדן מיטן מנהג צו לערנען מס' סוטה במשך ימי הספירה), וואס דארטן זאגט די גמרא אמר ר"י לא תיתני ענוה דאיכא אנא, און ר"נ האט געזאגט לא תיתני יראת חטא דאיכא אנא.

וואס דער ביאור פארוואס האט ר"נ געזאגט לא תיתני יראת חטא דאיכא אנא איז: וויבאלד אז ס'רעדט זיך וועגן דעם זמן פון עקבתא דמשיחא, וואס דעמולט דארף דאך זיין די הכנה צו דער גאולה, וואס די הכנה איז דורך דעם וואס מ'איז מבטל סיבת הגלות, און סיבת הגלות איז דאך ווי מ'זאגט "מפני חטאינו גלינו מארצנו" - ס'איז ניטא קיין אנדערע סיבה, די איינציקע סיבה איז דער ענין פון חטאינו - וואס דערפאר איז בשעת מ'איז מבטל די סיבה פון גלות, ווערט גלייך די גאולה, ווי דער פס"ד הרמב"ם (הל' תשובה פ"ז ה"ה) ישראל עושין תשובה ומיד הן נגאלין - ניט סתם נגאלין נאר מיד, ווארום אז ס'ווערט בטל די סיבה ווערט בטל דער מסובב.

וואס דערפאר זאגט ר"נ לא תיתני יראת חטא; מ'קען ניט זאגן אז דער ענין פון יראת חטא איז בטל געווארן, ווארום אויב דאס וועט בטל ווערן, וועט מען ניט ארויסגיין פון עקבתא דמשיחא - בשעת ס'ווערט בטל כבוד התורה וכו', איז דאס ניט קיין זאך וואס איז מעכב די גאולה, אבער דער ענין פון יראת חטא מוז זיין אלס הכנה צו די גאולה, וואס דערפאר זאגט ר"נ לא תיתני יראת חטא דאיכא אנא.

ס'איז אויך פארשטאנדיק דער קשר מיט זיין נאמען - "רב נחמן" - וואס שמא מילתא הוא - וואס נחמן איז מלשון נחמה, וואס אמיתית ענין

- הנחמה -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



אוצר החכמה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 279 הודפס ע"י או

הנחמה איז דער ענין הגאולה, וואס דעמולט איז דא דער זה ינחמנו פון דעם גלות און פון די מצירים לישראל וכו'.

עד"ז איז פארשטאנדיק דער קשר פון דעם נאמען רב נחמן צו מ"ת (וואס דער סיום פון מסכת סוטה איז דאך פאר שבועות), ווארום דער ענין פון נחמה איז דאך פארבונדן אויך מיט מנוחה, ווי רש"י טייטשט אויפן פסוק "זה ינחמנו ממעשינו ומעצבון ידינו" (בראשית ה, כט), אז ינחמנו מיינט נחה, אז ס'איז געווארן דער ענין המנוחה בנוגע צו וועלט, ועד"ז איז דאך דער ענין פון תורה פארבונדן מיט מנוחה, אז דורך תורה ווערט דער ענין המנוחה סיי בנוגע צו דעם איד, סיי בנוגע צו וועלט, ווי די גמרא זאגט אין דער סוגיא פון מ"ת (שבת פח, א) אויפן פסוק "ארץ יראה ושקטה" (תהלים עו, ט), אז פריער איז געווען א טומל און אן אום רואיקייט אין וועלט, און מ"ת האט אויפגעטאן ס'זאל זיין "שקטה" - דער ענין פון נייחא און מנוחה אין וועלט, וואס דאס איז דער קשר פון דעם נאמען "רב נחמן" צו תורה.

עד"ז בנוגע צו דעם וואס ר' יוסף האט געזאגט לא תתני ענוה דאיכא אנא, וואס דער ענין פון ענוה איז דאך פארבונדן מיט ביאת משיח (ווי גערעדט ערב שבועות), וואס דערפאר קען ניט זיין בטלה ענוה, ווארום מ'דארף דאס האבן כדי ס'זאל קענען זיין דער ענין הגאולה.

און דאס איז אויך פארבונדן מיט מ"ת, ווארום דער ענין פון ענוה איז א הקדמה צו דעם ענין פון לימוד התורה, ווי מ'זאגט אז פריער דארף זיין ונפשי כעפר לכל תהי', און דוקא דעמולט קען זיין פתח לבי בתורתך.

און דאס איז אויך דער פארבונד פון סיום המסכתא מיט תחילת המסכתא וואס דארטן (ה, א) זאגט ר"י לעולם ילמוד אדם מדעת קונו, און ער פאדבינדט דאס מיט מ"ת, אז דער אויבערשטער האט געגעבן די תורה ניט אויף די הרים גבנונים, נאר דוקא אויף הר סיני, וואס ער איז מכיך מכל טוריא - דער ענין פון ענוה, וואס דערפון לערנט מען אפ אז ס'דארף זיין דער ענין פון ענוה, וואס דאס איז דער פארבונד מיט ערב שבועות, אז מ'דארף וויסן אז כדי מ'זאל קענען מקבל זיין די תורה, דארף זיין הקדמת ענין הענוה.

מ'דארף אבער פארשטיין: וויבאלד אז שמא מילתא הוא, איז וואס איז די שייכות פון דעם ענין צו דעם נאמען "ר' יוסף"?

עד"ז איז דא נאך א מאמר פון ר"י אין פסחים (סח, ב), וואס די גמרא זאגט הכל מודים בעצרת דבעינן לכם, און די גמרא דערציילט אז ר"י האט מהדר געווען אין דערויף, און ער האט געזאגט צו זיינע ב"ב מ'זאל אים צוגרייטן אן עגלא תילתא (משולשת), און ער האט געזאגט דער טעם אויף דעם "אי לא האי יומא דקא גרים, כמה יוסף איכא בשוקא". וואס דער פי' אין דעם בפשטות איז, אז וויבאלד אז דורך תורה איז ער געווארן אנדערש ווי כמה יוסף וואס געפינען זיך בשוקא, דערפאר איז ער שמח, און הייסט אז מ'זאל צוגרייטן אן עגלא תילתא.

זיינען אין דערויף דא כמה דיוקים:

א) וואס איז דער דיוק כמה יוסף איכא בשוקא, ער האט דאך געקענט זאגן כמה בני אדם איכא בשוקא? און וויבאלד אז שמא מילתא איז דאך פארשטאנדיק אז ער וויל מדייק זיין אז ס'קען זיין יוסף בשוקא אן דעם ענין פון מ"ת, און ער הייסט יוסף, און ס'איז דא דער אויפטו וואס מ"ת האט אויפגעטאן לגבי די כמה יוסף דאיכא בשוקא.

- ב) וואס -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 280 הודפס ע"י או

ב) וואס איז דער דיוק <u>האי יומא</u> דקא גרים, לכאו' האט דאך דאס גורם געווען ניט דער טאג, נאר דאס וואס ער האט געלערנט תורה, האט ער געדארפט זאגן אז די תורה האט גורם געווען, איז פארוואס זאגט ער האי יומא דקא גרים?

ולאידך, וויבאלד אז דאס האט גורם געווען זיין לימוד התורה, איז דאך דאס לכאו' ניט פארבונדן מיטן טאג פון שבועות; לימוד התורה איז דאך געווען אויך פאר מ"ת, ווי מ'זאגט אברהם זקן ויושב בישיבה (יומא כח,ב), עד"ז יצחק ויעקב, און מימיהן של אבותינו לא פרשה ישיבה מהם אפי' זייענדיק אין מצרים (שם), איז וואס איז דער האי יומא דקא גרים, תורה איז דאך געווען כמה שנים ודורות לפנ"ז?

ג) וואס איז דער דיוק כמה יוסף איכא <u>בשוקא</u>, דער פי' הפשוט איז דאך אז די זיינען ניט אין ביהמ"ד נאר בחוץ, אבער אויך אן דער דיוק בשוקא, וואלט מען פארשטאנען אז וועץ ניט דער ענין פון מ"ת, איז ניטא דער ענין פון א ביהמ"ד, געפינט מען זיך בחוץ, און ס'איז ניטא קיין חילוק צווישן אים מיט אנדערע, איז פארוואס איז ער מדייק <u>בשוקא</u>?

והביאור בזה: דער אויפטו פון מ"ת איז געווען אז דורך קיום התומ"צ זאל ווערן א שינוי אין דער חפצא פון וועלט, אז די חפצא זאל ווערן א חפצא של קדושה.

פאר מ"ת איז אויך געווען דער ענין פון קיום המצוות, ווי מ'זאגט קיים אברהם אבינו את כל התורה כולה, און אפי' עירוב תבשילין (יומא שם), אבער די מצוות וואס האבן פאר מ"ת האבן ניט גע'פועל'ט א שינוי אין דעם חפץ הגשמי אז ער זאל ווערן א חפצא דקדושה.

וואס דערפאר געפינט מען דאך אז בשעת אברהם האט געדארפט משביע זיין אליעזר'ן בנקיטת חפץ, האט ער אים געזאגט "שים נא ידך תחת ירכי" (חיי שרה כד, ב), דלכאו' איז דאך דאס היפך הצניעות? איז דער תירוץ אויף דערויף אז ס'איז ניט געווען קיין ברירה, וויבאלד אז מ'האט געדארפט משביע זיין בנקיטת חפץ, און ס'איז ניט געווען קיין אנדער חפץ דקדושה אויסער דער ענין פון מילה (דאה לקו"ש ח"א ע' 41. ח"ג ע' 760).

וואס לכאו' איז ניט פארשטאנדיק, אברהם איז דאך געווען א גוואלדיקער בעל צדקה, און ער האט מקיים געווען כל התורה כולה, איז ווי זאגט מען אז ס'איז ניט געווען קיין חפץ של קדושה אויסער דער ענין פון מילה? נאר דער ביאור אין דערויף איז, אז וויבאלד אז דאס איז געווען קודם מ"ת האבן די מצוות ניט גע'פועל'ט א שינוי אין דעם חפצא.

און דער אויפטו פון דעם האי יומא דקא גרים איז, אז דער חפצא פון וועלט זאל ווערן א חפצא דקדושה, ווי דער מדרש (תנחומא וארא יד) זאגט אז מ"ת האט אויפגעטאן אז עליונים ירדו לתחתונים, און דורך די ירידה פון די עליונים - ואני המתחיל, איז געווארן די אפשריות אז תחתונים זאלן עולה זיין.

אבער פאר מ"ת קענען ניט תחתונים עולה זיין, ווארום ס'איז דא די גזירה תחתונים לא יעלו וכו'. מערניט בנוגע צו מצות מילה, וואס אויף דערויף איז געווען א ציווי פון דעם אויבערשטן, האט ער מבטל געווען די גזירה לגבי דעם פרט, און דערפאר איז דאס געווארן א חפצא של קדושה.

און אפי' מצות מילה איז אויך ניט בדומה צו מצות מילה שלאחר מ"ת, וואס דערפאר זאגט דאך דער דמב"ם אין פיהמ"ש (חולין ספ"ז) אז מצות מילה דארפמען מקיים זיין ניט דערפאר וואס אברהם אבינו האט זיך מל

- געווען -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 281 הודפס ע"י או

געווען, נאר דערפאר וואס דער אויבערשטער האט דאס געהייסן משה'ן בא מ"ת, וואס דאס איז דערפאר וואס אפי' מצות מילה וואס אויף איר איז געווען א ציווי, איז דאס שלא בדומה ווי דאס איז לאחר מ"ת (ראה לקו"ש ח"ה ע' 89 הע' 22-24), אעפ"כ פאר מ"ת גופא (ווען ס'איז געווען די גזירה) איז דא א חילוק צווישן מצות מילה לגבי די אנדערע מצות וואס די אבות האבן מקיים געווען, אז דורך מצות מילה איז דער חפץ געווארן א חפץ של קדושה ביחס צו אנדערע מצוות.

[ובדוגמא ווי ס'איז דא חילוקים אויך לאחר מ"ת, בנוגע צו תשמישי מצוה - א זאך וואס מ'טוט מיט איר א מצוה, אז דוקא בא תפילין און בא ס"ת וכיו"ב זאגט מען אז דאס ווערט תשמישי קדושה, משא"כ אין אנדערע מצוות, אע"פ אז אויך דאי זיינען אן ענין פון חפצא ניט נאר גברא (ראה שו"ע אדה"ז או"ח סי' מ"ב ס"ו)].

וואס דאס איז וואס ער זאגט האי יומא דקא גרים, אז דאס האט אויפגעטאן דער טאג פון מ"ת, ווארום דער ענין פון תורה מצ"ע איז דאך געווען אויך ביי די אבות, וואס זיי האבן געלערנט תורה און מקיים געווען מצוות, אבער דאס איז אלץ כמה יוסף איכא בשוקא; ער פועל'ט טאקע בשוקא אז ער איז מוסיף דארטן - יוסף, ע"ד ווי יוסף האט מוסיף געווען אין מצרים, און עאכו"כ אז די אבות האבן מוסיף געווען - כאו"א בעניננו - דאס איז אבער בשוקא, דאס בלייבט אין שוק און ס'ווערט ניט קיין מקום קדוש, דאס ווערט ניט קיין ביהמ"ק אדער עכ"פ א מקדש מעט, נאר ס'איז געבליבן בשוקא, ד.ה. אז די וועלט האט זיך ניט געביטן אז דארטן זאל זיין דער ושכנתי - אז עליונים זאלן נמשך ווערן למטה, וואס דאס פועל'ט דאך אז תחתונים זאלן עולה זיין למעלה.

און האי יומא - דער טאג פון מ"ת האט אויפגעטאן אז דער חפץ זאל ווערן אויס שוק, נאר ער זאל ווערן א חפץ דקדושה, אן ענין פון א ביהכנ"ס וביהמ"ד, וואס אויף דערויף זאגט מען ושכנתי בתוכם, און ומקדשי תיראו (ראה מגילה כט, א), וואס דאס האט אויפגעטאן האי יומא - דער טאג פון מ"ת, ניט דער ענין פון לימוד התורה בפ"ע, נאר דער טאג פון מ"ת האט אויפגעטאן אז ס'זאל ווערן אויס שוק.

וואס דאס איז די שייכות מיטן נאמען יוסף, וואס אויף דעם נאמען יוסף שטייט דאך "יוסף ה' לי בן אחר" (ויצא ל, כד), ד.ה. אז בשעת אז מ'קוקט אויף א אידן, און מ'פרעגט וואס איז זיין נאמען - וואס ר"מ איז דאך דייק בשמא (יומא כג, ב) - זאגט מען אז זיין נאמען איז יוסף, אז ער קאכט זיך אין מוסיף זיין נאך א אידן - יוסף ה' לי בן אחר, עאכו"כ לויט דעם טייטש פון צ"צ (אוה"ת בראשית ע' שפו) אויף דעם פסוק אז דאס מיינט מאכן פון דעם אחר - א בן, וואס דאס איז בדוגמא ווי מ'מאכט פון דה"ר און פון שוק, אז ס'זאל זיין ניט נאר יוסף בשוקא, נאר אז דאס זאל ווערן א ביהכנ"ס וביהמ"ד, ביז אז דאס זאל ווערן א ביהמ"ק.

וואס דאס איז דער דיוק וואס דוקא ר' יוסף זאגט כמה יוסף איכא בשוקא, ווארום פאר מ"ת איז געווען אויך דער ענין פון יוסף, אבער בשוקא, און מ"ת האט אויפגעטאן אז דאס זאל ווערן א חפץ פון קדושה.

און דערנאך זאגט ר"י לא תיתני ענוה דאיכא אנא, ווארום אויף אים זאגט מען דאך (סוף ברכות) "הכל צריכין למרי חטיא", און ער ווערט אנגערופן סיני, וואס דער ענין פון תורה איז דאך פארבונדן מיט סיני, ווי מ'זאגט משה קבל תורה מסיני (ריש אבות), וואס פון דעם ענין פון הר סיני - דמכיך מכל טוריא לערנט מען אפ דעם ענין פון ענוה (כנ"ל), וואס דערפאר זאגט ר"י לא תיתני ענוה דאיכא אנא.

- דערמיט -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 282 הודפס ע"י או

דערמיט וועט מען פארשטיין א דיוק אין רש"י [ווי דער חיד"א (שם הגדולים בערכו) זאגט אז אין רש"י איז יעדערווארט מדויק, און אין רש"י זיינען דא רמזים וכו׳, ביז ווי דער של"ה (מס׳ שבועות קפא, א) זאגט אז אין פרש"י זיינען דא נפלאות שבתורה], וואס רש"י זאגט אויף ההוא יומא דקא גרים "שלמדתי תורה ונתרוממתי".

וואס לכאו׳ איז ניט פארשטאנדיק דער דיוק הלשון ונתרוממתי; א) פון וואנען נעמט דאס רש"י, ב) וואס פארא שייכות האט תורה צו דעם ענין פון רוממות?

והביאור בזה: ווי גערעדט פריער (ש"פ קדושים) בארוכה אז דער ענין פון גברא און חפצא מיינט דאס ניט צוויי באזונדערע זאכן, נאר אין דעם גברא אליין איז דא דער גברא שבו און דער חפצא שבו, ע"ד ווי ס׳איז געווען ביי אברהם׳ן אין דעם ענין פון מילה, אז ס׳איז דא דער גברא וואס ער איז נצטווה געווארן אין מצות מילה, און ס׳איז דא דער שים ידך תחת ירכי - דער חפצא שבו.

און וויבאלד אז קודם מ"ת האט זיך ניט אויפגעטאן א שינוי אין דער חפצא פון וועלט דורך תומ"צ, עד"ז איז אויך געווען בנוגע צו לימוד התורה, אז דער לימוד התורה האט ניט משנה געווען דעם גוף האדם הלומד - די חפצא שבו, אבער לאחר מ"ת איז דורך לימוד התורה ווערט נשתנה דער גוף האדם הלומד, ובמכ"ש וק"ו דערפון וואס ער פועל׳ט אויפן חפצא פון וועלט, איז דאך עאכו"כ אז דאס פועל׳ט א שינוי אין די הבנה ומחשבה ביז אין דעם מוח פון דעם אדם הלומד.

און דאס איז וואס ר"י זאגט אז מ"ת האט גע׳פועל׳ט שלמדתי תורה ונתרוממתי, אז דורך דעם האט ער זיך אויפגעהויבן פון דער גאנצער וועלט, ווארום פאר מ"ת איז ניט געווען קיין חילוק צווישן דעם שוק מיט זיין קאפ, און מ"ת האט אין אים אויפגעטאן א רוממות ער זאל ווערן העכער פון וועלט, וואס דאס איז דאך דער ענין פון מ"ת וואס דעמולט איז געווען דער אתה בחרתנו מכל העמים, און ורוממתנו, וואס דער פי׳ הפשוט אין דעם איז דאך, אז מ׳הויבט דאס אויף העכער ווי דאס איז געווען פריער. וואס דאס איז רש"י מדייק ניט סתם אז ער האט געלערנט תורה, ווארום דאס איז דאך געווען אויך פאר האי יומא, נאר האי יומא האט גע׳פועל׳ט דעם ונתרוממתי, אז דער חפצא שבו זאל ווערן העכער פון דעם פריערדיקן מעמד ומצב.

וואס דאס איז אויך דער דיוק ההוא יומא דקא גרים, מ׳זאגט ניט דעם לשון פון עשי׳ אדער פעולה וכו׳, מערניט ווי דער לשון פון א גרם, וואס דער לשון גרמא אין הלכה מיינט אז ניט ער טוט די זאך, די זאך טוט א צווייטער, ער איז מערניט ווי א גורם אז די זאך זאל זיין, ועד"ז בנדו"ד וואס פועל׳ט און וואס טוט אויף דעם ונתרוממתי, איז דאס דער ענין פון לימוד התורה, און דער ההוא יומא איז מערניט ווי א גורם אז דורכן לימוד התורה זאל טאקע ווערן דער ונתרוממתי, און ס׳זאל ניט זיין אזוי ווי דער לימוד שלפני"ז וואס האט ניט משנה געווען דעם גוף.

דערפון איז דא א הוראה נפלאה: מ׳דערציילט אויף דעם אלטן רבי׳נס א חסיד ר׳ מרדכי לעפליער, וואס ער איז געווען אין פטרבורג - אזוי האט דעמולט געהייסן די עיר הבירה - און דארטן זיינען געווען שווערע נסיונות, און ער איז זיי בייגעשטאנען, און אז מ׳האט אים געפרעגט ווי אזוי איז ער בייגעשטאנען די נסיונות, איז מצד זיין עניוות האט ער געזאגט אז דאס איז געווען דורך גאוה, אז בשעת ס׳איז געקומען צו א נסיון, האט ער געטראכט ביי זיך, וויבאלד אז ער איז דעם אלטן רבי׳נס א חסיד, איז ווי פאסט אים נכשל ווערן אין אזא שטות, און דאס האט אים מציל געווען - לפי דבריו - פון די נסיונות.

- ועד"ז -



הנחת הת׳ בלתי מוגה

הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 283 הודפס ע"י או

ועד"ז בעניניננו, בשעת א איד גיט זיך א טראכט אריין אין דעם ענין, אז נאך מ"ת איז בשעת ער לערנט תורה ווערט ונתרוממתי – ער ווערט העכער פון זיין מעמד ומצב ווי דאס איז געווען פאר דעם לימוד התורה, און וויבאלד אז תורה איז דאך "ארוכה מארץ מדה ורחבה מני ים" (איוב יד, ט), אין אן אופן פון א"ס, איז דאך פארשטאנדיק אז וויפל ער זאל זיין מרומם ביז דעם רגע, איז דורך דעם רגע וואס ער לערנט תורה, ווערט ער העכער פון דעם מעמד ומצב וואס ער איז געשטאנען אין א רגע לפנ"ז, ווארום ביי אים איז צוגעקומען אן ענין אין תורה, וואס די תורה איז אים מרומם פון זיין פריערדיקן מעמד ומצב.

בדוגמא ווי געזאגט פריער אז אברהם אבינו האט געלערנט תורה פאר מ"ת, עד"ז יצחק ויעקב, און ס'איז דאך פארשטאנדיק גודל מעלת לימוד התורה פון די אבות, בפרט פון "אחד הי' אברהם", ביז אז מ'זאגט אז אברהם האט געהאט פיר הונדערט פרקים אין מסכתא ע"ז (ע"ז יד, ב), איז דאך פארשטאנדיק גודל ההפלאה שבזה, אעפ"כ זאגט מען אז בשעת ס'איז געקומען מ"ת איז געווארן דער ונתרוממתי לגבי דעם מעמד ומצב ווי ס'איז געווען פאר דערויף (אפי' לגבי האבות), איז דאך מובן אז וויפל ער זאל נאר זיין מרומם, איז בשעת ס'קומט צו אין זיין לימוד התורה, ווערט ביי אים די רוממות נאכמער –

במילא איז דאך פארשטאנדיק אז ס'האט ניט קיין ארט גיין אין קאלעדזאש לערנען חכמות חיצוניות, ווארום אז ער גיט זיך א כאפ אז ער איז איין זאך מיטן כביכול, און ער האט בכח ווערן נאך העכער – ונתרוממתי, דורך דערויף וואס ער וועט לערנען תורה, איז דאך זיכער אז ער דארף ניט אריין לייגן זיין קאפ אין אן ענין חיצוני – וואס אין דערויף גופא קען דאך זיין אן ענין חיצוני של שטות, און ס'קען זיין חכמות חיצוניות – בשעת אז דאס איז ניט צוליב וויסן הל' קידוש החודש וכיו"ב (וואס דאס איז דאך געווען טעמם של הרמב"ם והרמב"ן וכו' ווי ער זאגט אין תניא ספ"ח), ווארום ער דארף אריין לייגן זיין קאפ אין תורה.

און אז ער מענה'ט אז בשעת מ'וועט אים זאגן ער זאל באווייזן א פאפיר'ל אויף זיין רוממות, במילא מוז ער האבן א פאפיר'ל פון קאלעדזאש, דארף ער וויסן אז דער פאפיר'ל באווייזט ניט אויף זיין רוממות, נאר אדרבה, דאס באווייזט אז ער איז אראפגעפאלן פון די רוממות פון א אידן וואס ער איז בן אברהם יצחק ויעקב, וואס אויף אידן זאגט מען ורוממתנו מכל הלשונות, איז ער מוותר אויף די רוממות, און לייגט זיך אריין אין נידעריקע ענינים.

נאר ער דארף וויסן אז אידן זיינען ורוממתנו מכל הלשונות, און דורך דערויף וואס ער וועט לערנען תורה, וועט ביי אים זיין ונתרוממתי, ער וועט ווערן נאך העכער פון זיין פריערדיקן מעמד ומצב, במילא איז מצד זיין רוממות קען ער ניט טאן ענינים בלתי רצויים וכו', וואס דאס איז ע"ד הסיפור הנ"ל אז דורך אן ענין של גאוה ורוממות (וואס דאס איז דאך פון דעם נה"ב) ווערט ער ניצול פון נכשל ווערן אין א דבר בלתי רצוי, עאכו"כ אויב דאס איז אן ענין פון אן איסור. וואס דאס איז די הוראה נפלאה פון דעם וואס מ'זאגט ונתרוממתי.

און ווי גערעדט פריער אז ס'איז דא דער ענין פון יוסף ה' לי בן אחר, וואס פאר מ"ת איז אויך געווען דער ענין, ווי מ'זאגט ביי אברהם'ן (לך לך יב, ה) "ואת הנפש אשר עשו בחרן", אז פון חרן, פון אחר, האט ער געמאכט א בן, אז ער האט זיי מקרב געווען תחת כנפי השכינה, ביז אז תורה זאגט אויף דערויף אז דאס איז "הנפש אשר עשו", אבער דאס איז אלץ געווען אין אן אופן פון בשוקא, אז דאס האט ניט גע'פועל'ט א שינוי אין גוף החפץ.

- און -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 284 הודפס ע"י א

און דער אויפטו פון מ"ת איז געווען אז דער חפץ אליין ווערט אן ענין של קדושה, וואס דאס האט אויפגעטאן דער האי יומא, און לאחר מ"ת דארפמען ניט אנקומען צו דעם מעמד ומצב פון די אבות וואס זיי זיינען געווען א מרכבה וכו', נאר יעדער איד, וויבאלד אז ער איז מזרע ישראל – אוצר החכמה כלשון התניא (פל"ג), האט ער א כח צו אויספירן דעם ענין וואס אויף דעם איז תכלית בריאתו, און דער תכלית הבריאה פון אלע עולמות עליונים ותחתונים.

און ס'איז א זיכערע זאך אז ער קען דאס אויספירן, ווארום וויבאלד אז צוליב דערויף האט מען אים באשאפן, איז זיכער אז מ'האט אים געגעבן כוחות אויף דערויף, ווארום אפי' א בשר ודם וועט דאך ניט פארלייגען פון א מאשין די זאל אויפטאן מערער ווי עד האט אין איר אריין געלייגט, איז דאך עאכו"כ בשעת ממ"ה הקב"ה האט באשאפן א מענטש כדי ער זאל אים משמש זיין דורך דערויף וואס ער וועט מאכן א דירה בתחתונים, איז דאך א זיכערע זאך אז וויבאלד דער אויבערשטער האט אים באשאפן צוליב דער זאך, איז זיכער אז ער האט אים געגעבן כוחות אויף אויספירן דאס, און אין אן אופן ווי דער אויבערשטער וויל אז ס'זאל זיין עבדו את ה' בשמחה.

און ווי דער נוסח פון רבותינו נשיאנו – לקבלת התורה בשמחה ובפנימיות, אז פריער איז דאס בשמחה און דערנאך בפנימיות, ווארום שמחה איז דאך פורץ גדר, איז דאס מבטל אלע בלבולים און העלמות והסתרים, און דערנאך איז ער דאס מקבל בפנימיות, און מ'מאכט פון דעם יוסף וואס געפינט זיך בשוקא אוצר החכמה – אז ער זאל זיין בפנים, יוסף ה' לי בן אחר.

ביז אז מ'קומט צו דעם יעוד וואס ער זאגט אין נבואת הגולה (ישעי' יא, יא) "יוסיף ה' גו' ידו" מקבץ זיין אידן פון אלע מדינות פון וועלט, און אויך "מאיי הים", און ס'וועט דער"לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים" (שם יא, ט), וואס אין מים אלא תורה (בק, יז, א), וואס דאס וועט זיין בקרוב ממש, ובשמחה ובפנימיות.